# [ע]נגלישער פראגע-בויגען צו היטלערן
# [גע]עכטען איבערגעגעבען געווארען אין בערלין

[ב]ערלין, 7 (ספּ. טעל.)
[ד]ער טעקסט פון דעם ענגלישען פראגע-בויגען, [...] איז היינט איבערגעגעבען געוואָרען דעם מי[...] [...]ניראַט ווערט געהאַלטען בסוד. זיין רע[...] [...] זאָל טראַגען אַ בולט'ן ענגלישען איינפלוס. [...]ראַטיסט האָט ענגלאַנד פון אָטהויב אָן [...] צו מילדערן די צו פּרעציזירטע און שאַר[...] [...]אַטולקעס, וואָס זענען פאַרגעלייגט געוואָרען [...] פראַנקרייך.

[...]נדאָן, 7 (ספּ. טעל.)
[...]טען ווערט פערעפענטליכט ווערען דאָס ווייס[...] [...] אין וועלכען עס ווערט פּובליקירט ווערען דער [...] פון פראַגע-בויגען, וואָס איז איבערגעגעבען [...] היינט אין בערלין.

## [א]יטאַליע וויל אנעקסירען אביסיניע

[פ]אַריז, 7 (ספּ. טעל.)
[...] מעלדעט פון רוים, אַז איטאַליען וועט [...] קיין זשענעווע איהר פאָרשטעהער אויף [...] פון פעלקער-בונד, וואָס הויבט זיך [...] 11 ד.ח., אָבער דער דאָזיגער דעלעגאַט [...] אין קיין פאַל נישט זיין בעפולמעכטיגט אונ[...] [...]האַנדלען מיט דער פעלקער-ליגע וועגען לע[...] [...] דאָס אַביסינישע פּראָבלעם.

[...] פון איטאַליענישען שטאַנדפּונקט קען פאָרקומען [...] דאָס אנערקענען דעם פאַקטישען צושטאַנד, [...] נעמליך, די אַנעקסיע. עס האָבען זיך פאַר[...] [...] קלאַנגען, אַז די אַנעקסיע זאָל פּראָקלאַ[מירט] [...] ווערען אויף דער שבת'דיגער זיצונג פון [...] [...]ליענישען פאַרלאַמענט.

## [ז]עלבסטמאָרד פון רעדאקטאר [פו]ן דער „זאנטאגס ציי‌טונג

[...]ין, 7 (יט"א טעלעגראַפיש)
[...] איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דער הויפּט[...] [רעדאַ]קטאָר פון דער „זאָנטאַגס-צייטונג“, ערנסט [...]נדער. די סיבה פון דעם זעלבסטמאָרד איז דאָס [...] די קאָנצעסיע פון דער צייטונג, מחמת [...] בעשולדיגט געוואָרען, אַז ער האָט גענומען [...] דער געז. „פעניקס“.

---




## זארג וועגען דער שעהנקייט נישט נור פון געזיכט נור אויך פון גאנצען קערפער...

כדי צו זיין באמת רייצענד, מוזט זאָרגען וועגען דער שעהנקייט פון גאַנצען קערפער. נישט נור ס'געזיכט, נור אויך די הענד, אַקסלען, פלייצעס, דאַרפען זיין וואונדערבאַר, דעליקאַט פון שעהן. און דעריבער געה לויט'ן וועג פון שעהנע פרויען פון דער גאַנצער וועלט. נוץ אויס די געהיימנישען פון דער שעהנקייט: די זייף „פאַלמאָליוו“ איז צו דער באָד און פאַר'ן געזיכט. די בע־ריהמטע שעהנהייטס-זייף איז אויסגעאַרבייט פון אַ געהיימנישפולער מישונג פון פאַלמע-פרוכטען און איילבירטען. אַ רייכע סאַמעטענע פיאַנע פון דער זייף Palmolive מאַכט דעליקאַט דיין הויט און רייניגט גענוי די פאָרעס פון שמוץ. אַלזאָ דעריבער. כדי צו זיין שעהן „פון פיס ביז צום קאָפּ“ בענוץ די זייף „פאַלמאָליוו“ פאַר דיין געזיכט און צו דער באָד. איבערצייג דיך אליין, פּראָבירט די זייף Palmolive איז די בעליבטע זייף אין פוילען, אַזוי אויך אין 78 לענדער.

**די גאַנצע וועלט בעוואונדערט דאָס „מיידעלשע געזיכט Palmolive“.**





---

## 80-יאהריגער געבורטסטאג פון זיגמונט פרויד

ווין, 7 (יט"א טעלעגראַפיש)
דער בעריהמטער געלעהרטער זיגמונד פרויד, וועלכער וואוינט לעצטענס אין ווין, האָט היינט געפייערט זיין 80-יעהריגען געבורטסטאָג. אויף זיין וואונש זענען נישט פאָרגעקומען קיין שום פייער־ליכקייטען. דער יום-טוב איז געווען אַ בעשיי־דענער.

אין משך פון טאָג זענען אָנגעקומען 400 בעגריסונגס-דעפּעשען פון אַלע עקען וועלט. דייטש לאַנד האָט נישט בעגריסט. דעפּעשען זענען אָנגע־קומען פון העברעאישען אוניווערזיטעט, פון יודיש־אַמעריקאַנישען קאָמיטעט און פון אַנגעזעהענע פער־זענליכקייטען.

אויף דער יובל-אַקאַדעמיע איז אַרויסגעטען מיט אַ רעפעראַט טאָמאַס מאַן.

## אפעלאציע-געריכט בעפרייט דעם פשיטיקער „העלד“

ראַדאָם, 7 (יט"א טעלעפאָניש)
דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט היינט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון דעם פשיטיקער „העלד“ יונ־צענטי קאַרטשאַק, וועלכער איז אין דער ערשטער אינסטאַנץ פערמשפּט געוואָרען אויף 8 חדשים אונ־בעדינגטען אַרעסט, פאַר בעליידיגען די מאַכט און העצען צו אונרוהען.

די אַדוואָקאַטען האָבען איהם בעצייכענט פאַר „נאַציאָנאַלען העלד“ און אַז ער איז אַ „קרבן פון דער יודישער העצע“.

דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט דעם „נאַציאָנאַלען העלד“ בעפרייט.

דער פּראָקוראָר האָט אָפּגעגעבען אַן אַפּעלאַציע.

## רעדאקטאר פון דער „טריבונא אקאדעמיצקא“ אנגעקלאגט אין בעליידיגען דאס פוילישע פאלק

וואַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש)
דער רעדאַקטאָר פון דער „טריבונאַ אַקאַדע־מיצקאַ“, סאַלאַמאָן פּערלאַ, איז אָנגעקלאָגט געוואָ־רען אין געריכט, אַז ער זאָל האָבען בעליידיגט דאָס פוילישע פאָלק.

צווישען פּערלאַין און דעם סטרוזש פון הויז אין וועלכען עס געפינט זיך „זופּו“, קישעל, איז געקומען צו אַ ווערטער-אויסטויש, און קישעל בע־שולדיגט פּערלאַין, אַז ער זאָל זיך האָבען אויס־געדריקט „פוילישער חזיר“.


ADWOKAT
**SZYMON SZAJEWICZ**
przeniósł swą kancelarję
na ul. Piotrkowską 31, m. 4
tel. 14-666.


---


## קינא „MIRAŻ“ 11 ליסטאפאדא 16.

# היינט און פאלגענדע טעג!

פון ערשטען יודישען פילם, פּראָדוצירט אין פוילען פון דער יוד. פילם-געז. „כנור“

# „על חטא“

מאָנומענטאַלער פילם פון יודישען לעבען, געשטיצט אויף אַן אמת'ער פּאַסירונג.

סצענאַר: י. מ. ניימאַן | רעזשי: אלעקסאנדער מארטען | אַלגעמיינע ליטונג און קאָנסטרוקציע: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער

פּראָד. ליטונג: ש. גאַסקינד און י. וו. טענענבוים ● דעקאָראַציעס און קינסטל. אויפזיכט: יאַנקעל אדלער

מוזיק: העניעך קאָן | אָפּעראַטאָר: סט. ליפינסקי | טעכנ. ליטונג: י. באַק און פאַרבערט

איז פילם טרעטען אויף די גרעסטע יודישע ביהנע-קינסטלער:

רחל האָלצער, אברהם מאָרעווסקי, ש. דזשיגאַן, י. שומאַכער.
קורט קאַטש, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, ח. בוזגאַן, רות טורקאָוו,
מאַקס ברין, הערבערט שערצער און אנד.

די אַקציע קומט פאָר אין די יאָהרען 1915/16 אין דער צייט פון וועלט-קריג און אין דער געגענוואַרט.

אנהייב איז געוועהנליכע טעג 4 נאָכמיטאָג. שבת און זונטאָג פון 12, 2, 4, 6, 8 און 10 אָוונט.

